№ 37

פערלאג „ביכער-פאר-אלע"

שלום עליכם.

אַ מֶלֶך מִיט צְוֵויי מַלְכּוֹת.

(א יום-טוב'דיגע ערצעהלונג).

פרייז 5 קאָפּ.

КОРОЛЬ СЪ ДВУМЯ КОРОЛЕВНЯМИ.

Праздничный разсказъ ШАЛЕМЪ-АИЛЕЙХЕМА.

Изданіе „Бихеръ-фаръ-алэ“

Типографія Ш. Белхатовскаго. ПЕТРОКОВЪ 1906.

350

אַמֶלֶךְ מִיט צְוֵויי מַלְכּוֹת.

ערשטער טייל.

דֶער מֶלֶךְ שַׁדְכֶנְ׳ט זִיךְ צוּ דֶער מַלְכָּה.

ביי העניך דעם סטאָליר אין פּאָדראַד א׳ז אַ היטץ. מע באַקט מַצוֹת, דעם נְגִידְ׳ס מַצוֹת. געוויינטליך אויפ׳ן ערשטען איוועון, אויפ׳ן ערשטען אויווען איז בעסער און שענער און כשר׳ער און מעהר כבוֹד און טאַקי מעהר מִצְוָה אויך. און ווי באַלד ס׳איז בעסער און שענער און כשר׳ער און מעהר כבוד און מעהר מצוה — קומט דאָך עס דעם נגיד... העניך אַליין, דער פּאדראַטשיק הייסט דאס, איז גאר ניט דער העניך וואָס תמיד. אויף זיין געל פנים האָט זיך צעגאָסען אַ מין הן, די בעקליך פּלאַמען איהם און פון דער ניט צעקעמטער באָרד איז געוואָרען נאָך מעהר זשמוט — אַ גאַנצער קאָלטון.

— קינדער, לעבעדיג! לעבעדיג! — טרייבט אונטער העניך די הילפֶּערְס — קאַטשעט, רעדעלט, זעצט די מצות, ס׳איז דעם נגידס מַצות!...

דעם נגידס ווייב, שרה זיסל די נגידית, אַ יודענע מיט אַ גוידער און מיט פעריליך, ווערט גרעבער ווי לייגנער. זי שטעהט און קלעהרט וויפיעל זאָל זי איבערלאָזען די הילפּער: צוויי קערבליך איז צופיעל,

אַ קערבּיל איז צו ווינציג, אַכצעהן פאַרשוין, אַ רובעל אַכציג— וועט זיין אקוראַט צו גריוונעס אויף אַ מענשען...

וויפיעל מיינסט דו וועלען מיר דאָ האָפּען?— פּרעגט איין ווייביל אַ ראַבעטיני מיט קלייען ביים אַנדערען ווייביל מיט אַ פּייגעלש פָּנים, און ביידע קאַטשען געשמאַק.

— איך רעכען צו פּערטעליך— ענטפּערט איהר דאָס אַנדערע ווייביל וואָס מיט'ן פּייגעלש פנים.

— פאַר וואָס ניט צו האַלבע קערבליך?— זאָגט דאָס ערשטע ווייביל די ראַבעטיני.

— משוגע וועט זי ווערען? צעטיילען נייען קערבליך?— זאָגט יענע וואָס מיט'ן פּייגעלש פנים.— פון אַ בּורזשואַזנע „מאַדאַם" איז ווי פּון אַ צאַפּ מילך.

אלע וועלגערקעס לאַכען.

— פאַר וואָס ניט? פאַר וואָס זאָל זי ניט צאהלען? קראַנק איז זי? זאָגט די ראַבעטיני.

— לאָז זי זיין קראַנק פאַר מיר און פאַר אַלע יודען! זאָגט די וואָס מיט'ן פּייגעלש פנים און צעלאַכט זיך.

אויף זיי קוקענדיג צעלאַכען זיך נאָך עטליכע ווייבליך.

— און פאַר מיר אויך!

— און פאַר מיר אודאי!

— און פאַר מיר אודאי און אודאי!

— לאָז זיין שטילער, „נָשִׁים"!— שרייט אָן אויף זיי דער רעדלער, אַ שוסטעריונג מיט אַ שוואַרצער גלאַנצענדיגער, געגרייזעלטער פאַטלע, מיט אַ געשטיפעלט פנים פון פּאָקען און מיט אַ צונויפגעוואַקסענער נאָז כּמְעַט אָהן נעזליכער, אַזוי אַז ער רעדט סווישטשעט ער מיט די ציינער: ססס!... אַ חוץ די דריי הסרונות, 1) וואָס ער איז געשטיפעלט, 2) וואס ער איז אָהן נעזליכער און 3) וואָס ער סווישטשעט, איז ער דַוְקָא אַ פיינער יונג „מיט שפּאָרען"; די שוואַרצע, גלאַנצענדיגע, געגרייזעלטע

פּאַטלע איז ביי איהם תמיד אונטערגעשערען אַזוי קיילעכיג און איז תמיד אַזוי אָנגעשמירט מיט פֶּעטען, אַז ס'איז אַ מְחַיֶה צו קוקען. היינט טראָגט ער אַ קאַשקעט פֿון „קאַשקעטען-לאַנד", קיילעכיג, פֿון אויבען מיט אַ קנאָפּ, פֿון פֿאָרינט מיט אַ דאַשיק און מיט אַ שוואַרץ גלאַנצענדיג רימענדיל און מיט צוויי שוואַרצע גרויסע ספּראָנטשעקעס. דעם „גאַר-ניטור" וואָס מלך פֿערגינט זיך טראָגען אין דער וואָכען וואָלט זיך עס איין אנדערער געווינשען טראָגען אים יום־טוב, און פֿון שטיוועל שמועסט מען ניט. די שטיוועל זענען אויף אַזעלכע הויכע אָבצאַסען אַז ס'איז נור אַ וואונדער ווי אזוי ער האלט זיך אויף די פֿיס; און אַז איך וועל אייך שוין אויסמאָלען ביז'ן סוף, אַז ער טראָגט אויפ'ן האַלז אַ מין שאַרף פֿון רויטע מיט גרינע פּאַסען, איין עק פֿערוואָרפען אַרונ-טער, און אַ גרויסען זילבערנעם זייגער מיט אַ לאַנגער זילבערנער קייט מיט אַ „ריקער" און אויפ'ן פינגער אַ גרויסען זילבערנעם „סיגנעט", וועט אייך שוין קיין קשיא ניט זיין, פאר וואָס אַלע מיידליך מיט אַלע ווייבליך (די אַלְמָנוֹת מיט די גְרוּשׁוֹת) זענען נאָך איהם די כַּפָּרָה.

— זאָג נור מלך — רופט זיך אָן צו איהם די ראַבעטיני אויף קאַ-טאָוועס — אֶפּשר וואָלסט די זיך אויסגעקליבען דאָ אַ „מלכה" אויף פסח?

— ער האָט שוין — ענטפֿערט איהר יענע וואָס מיט'ן פֿייגעלש פנים.

— ווי אַזוי רופט מען זי?

— מַלְכָּה.

— וואָסער מלכה?

— די וואָס האט זיך גע'עגט מיט מאַטיל דעם שניידער.

— פֿון וואַנען ווייסט דו דאס?

— איך קוק אויף זיי די גאַנצע צייט, זעה איך, אַז ס'איז אַ שדוך...

— אַזא שטילע דאַכט זיך?

— שטילע וואַסער גראָבט טיעף...

אוןביידע ווייבליך לאָזען אַרויס אַ טיפען־טיפֿען זיפֿץ. זיי וואָלטען ביידע זיך ניט אָבגעזאָגט פֿון אַזא שידוך, זיי זענען ביידע אַלמנות, קיין קינדער האָבען זיי ניט, דער רוה וואָלט איהם ניט אַוועק געהאַפּט, ער זאָל בעסער נעמען איינע פֿון זיי, וואָס האָט ער אַזעלכעס דערזעהען אויף מלכה'ן? שוואַרץ ווי אַ שוואַרצע קאַץ אין אַ פֿינסטערער נאַכט, סיידען דאס וואָס זי האט גראָבע הענד?

— האָב קיין מורא ניט, ער וועט ביי איהר ליגען אין דער ערד!

— רעדט אויס איינע דער אַנדערער דאָס האַרץ.

— ווי אַ באַרג! — ענטפֿערט איהר יענע — לאָז ער פּרובען זיין אַ טאָג מיר איהר מאַמע, מיט דער בלינדער מְכַשֵׁפָה'טע! — און ביידע ווייבליך טרייסטען זיך האָטש דערמיט, וואָס מלך וועט ליגען אין דער ערד.

— אַנשטאַדט איין „מלכה" וועט ער האָבען צוויי „מלכה'ס"! — ויצעלט זיך אַ ווייביל און די איבעריגע לאַכען.

— איין מלך מיט צוויי „מלכה'ס"!

— האַפּט זיי דער רוה ביידע, זי מיט איהם אינאיינעם לכבוד דעם הייליגען יום־טוב.

— אָמֵן כֵּלְיָאי...

און מלכה, אַ נידעריג ווייביל, אַ שוואַרצע נאר אַ פּעהקע, מיט אַ פֿעררישען נעזיל, מיט קליינע שוואַרצע תמיד לאַכענדיגע אייגעליך, פֿערקאַטשעט די אַרבעל ביז די עלענבויגענס, וואַרפֿט מיט אויגען אויף מלך דעם רעדלער און מלך דער רעדלער דרעהט זיך עפּיס צו שטאַרק אַרום איהר, צו אָפֿט רעדעלט ער איהרע מצות, צופיעל רעדט ער מיט איהר! יאָ, דאס ווייביל וואָס מיט'ן פֿייגעלש פּנים איז גערעכט, — כ'איז אַשדוך...

צווייטער טייל.

בַּיי דֶער מַלְכָּה אִין דֶער הֵיים.

...אז ער איז געקומען צו איהר צו־געהן האָט מען איהם ניט בענעגענט מיט כְּלֵי־זֶמֶר, פון קיין הארמאַטען האָט מען ניט געשאָסען, קיין פאַזשען ווענן איהם נישט געקומען אַקעגען, קיין פאַלאַצען האָט מען פון זיינעטוועגען ניט צוגעגרייט, קיין באַל נישט געמאכט, אויף די קניהעס, איז ער פאַר איהר ניט געפאַלען, די האַנד נישט געקושט, ווי סע שטעהט געשריבען אין שָׁמֶר'ס ראָמאַנען, ניין!— ס'איז צוגעגאַנגען נאָר פראָסט, אָהן צערעמאָניעס. מלכה איז געזעסען ניט אַליין, זי האָט געהאַלטען נעבען זיך איין אַלטע מאַמע, אַ שלאַק פּוּרעניוֹת זאָל גאָט שוֹמֵר וּמַצִיל זיין, אַ שטיקיל גליק וואָס זי איז אַ בלינדע, וויטער וואָלט זי דוֹרס געווען מענשען. אַז מלך האָט נור אריבערגעטראָטען די שוועל, האָט די בלינדע מאַמע אויסגעשריען אויף אַ קוֹל.

— מלכה, ווער איז דאס געקומען?

— ס'איז מלך— ענטפערט איהר מלכה.

— וואָסער מלך?

— מלך דער שוסטער.

— וואָס טהוט ער דאָ?

— ער איז רעדלער אין פּאָדראַד.

— טרייב איהם ארויס דעם שאַרלאַטאַן.

נאָך אַזאַ „בָּרוּךְ־הַבָּא" האָט זיך מלך ניט געקאָנט פיהלען שטאַרק פריגעלדיג, ווען מלכה זאָל ניט געווען ווייזען איהם מיט די היטרע שוואַרצע אייגעליך ער זאָל בלייבען דאָ. מלך פיהלט זיך אַ ביסיל שטאַרקער און וויל אופמונטערען די בלינדע, זי זאָל ווערען מיט איהם שלוֹם.

— מומעניו, וואָס זענט איהר אזוי אָנגדראָדעלט אויף מיר? איהר קאנט מיר דען? איהר האָט מיך דען אמאָל געזעהען?

— געזעהען האָב איך דיך ניט, נאָר הערען איך, אַז דו פּייפסט. איך וואָלט געמעגט שווערען, אַז דו האָסט ניט קיין נאָז.

— אַזאַ מַכָּה מיינע שוֹנְאִים אויפ'ן שטערען וואָס פאַר אַ נאָז איך האָב.

— וואָס'זשע פּייפּסט דו אזוי?

— ס'איז ביי מיר אַזא לשון.

— אַזא יאָהר אויף דיר. וואס ווענסט דו זאָגען גוטס? ביזט דאָך נישט געקומען אומזיסט. זאָג וואָס דאַרפסט דו מיך?

— איך בין נישט געקומען צו איך, מומעניו, איך בין געקומען צו אייער מלכה'ן.

— צו מיין מלכה'ן? וואָס פאר אַ מְחוּתָּן ביזט דו מיט מיין מלכה'ן?

מלך איז געבליבען אָהן לשון. ער האָט נישט געוואוסט, וואס ער זאָל זאָגען. מלכה איז געשטאַנען און האָט איהם געווינקען, ער זאָל זאָגען גלייך, ער זאָל ניט אָבלייגען אויף שפּעטער.

— איך וויל... איך האָב, פערשטעהט איהר מיך, געוואָלט, אַז איך, אז מלכה...

— זעה נור ווי ער פּלאָנטעט מיט דער צונג! מירקע גיב לשון! דאס הייסט, אז מיר ביידע, איך און אייער מלכה, זאָלען חֲתוּנָה האבען ביידע...

— אָט אַזוי זשע רעד! האָסט דו זיך בעדאַרפט אַזוי לאַנג קוועטשען? וויפיעל פערדינסט דו אַ וואָך? נאָר דעם ריינעם אֶמת זאָלסט דו זאָגען! איך האָב פיינט אַ בעריהמער!

— אמאָל פיער און אַמאָל פּיפטהאַלבען קאַרבען.

— וו ארבייטסט אַליין צי ביי יענעם?

— איצט ארבייט איך נאָך ביי יענעם.

— ביי וועמען?

— ביי חָנֶה דעם שוסטער.

— ביזט נאָך אַ בָּחור?

— אַ בחור.

— צווישען „הברה" ביזט דו אַ הברה מאנן?...

— ווי דענן זשע?...

— גְנִידִים האָסט דו עפּיס ליעב?

— אזוי ווי אַ שטיק „הויר!..."

— און אַז מע דאַרף „שְׁטְרַייקֶעוֶוען?"

— בין איך דער ערשטער...

— וועמען האסט דו? אַ טאַטען? אַ מאַמען? אַ שוועסטער? אַ ברודער?

— קיינעם ניט, קיינעם ניט.

— אַ שטעקען הייסט דאָס? דו ווייסט, אַז מלכה איז אַ גרושה?

— וואָס דען, איך ווייס ניט?

— און דאס ווייסט דו, אַז זי איז אַ שלאַק, אַ צָרָה שֶׁלֹּא תָבֹא?

— דערפאר האָב איך קיין מורא ניט.

— אזא בְּרִיָה ביזט דו? ווען קאָנסט דו שטעלען הופּה?

— אפילו באַלד.

— מלכה, ער געפעלט דיר?

דריטער טייל.

דֶער מֶלֶךְ אויפ'ן טְרָאן.

וואו נעמט מען אַ מאָלער אַ קינסטלער, ער זאָל זיך אַראָבלאָזען אין דער פינסטער אויף נאַסע־גליטשיקע טרעפ אין אַ גרוב אַריין און בעטראַכטען דאָס גליקליכע געזינדעל פּסח ביים ערשטען סדר! אויבען

אָן אויף צוויי פעסליך איבערגעלייגט מיט אַ לאָקשענברעט און מיט אַ קישען אויסגעבעט זיצט דער „מלך” און „פּראַוועט” דעם סדר. אויף אַ גרויסען טעלער ליגען דריי מצות איבערגעדעקט מיט אַ ווייסען האַנטוך, און אויבען אויפ׳ן האַנטוך ליגען אויסגעלייגט עטליכע קאַרטאָפּלים, אָבגעשיילטע אייער, אַביסל גרינס, דריי ווערצליך, הריין און חֲרוֹסֶת, נעבען דעם מלך, ביי דער רעכטער האַנד זיצט די מלכה אין אַ נייער רויטער „פּלאַטיי” און מיט אַ ווייסען פֿאַרטוך וואָס קליידען איהר זעהר צום שוואַרצ־הנעוודיגען פנים, און אַקעגען זיי זיצט אַ שוואַרצער שָׂטָן אָנגעטהון אין גאָלע שוואַרצען, מיט אַ געל פּאַרמעט־פנים מיט אַסאַך קנייטשען, און אויף דעם אָרט, וואו עס זענען געווען אַמאָל אויגען, צוויי פינסטערע לעכער מיט גרויסע ווייסע בילמעס. אַ שוואַרצע פּעטשיילע מיט געלע פליאַמעס אונטערגעבונדען אונטער דער שפּי־ציכיגער מאָרדע, מיט צוויי שפּיצען, געבען צו דעם דאָזיגען שרעקליכען פנים נאָך מעהר פינסטערניש—ס׳איז אַ מוֹרא צו קוקען! דער „מלך” זאָגט די הגדה הויך אויף אַ קול, מישט איין בלעטיל נאָכ׳ן אַנדערען, געהט גלייך ווי אַ פּאָטשטאָווע פערד, און זעצט עִבְרִי ווי אַ באָנדאר, אבי מיט אַ נגון, פּייפֿט צו מיט דער נאָז און שאָקעלט זיך גאַנץ גע־שמאַק. די „מלכה” זיצט מיט גרויס דֶרֶך־אֶרֶץ צענויפגעלייגט די הענד אויפ׳ן האַרצען און שווייגט, און דער שוואַרצער שטן מיט די ווייסע בילמעס שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ הין און צוריק, עפּענט אויף אַלע מאָל דאָס מויל, וואָס זעהט אויס ווי אַ קבר, און גענעצט.

— אִלוּ עָשָׂה — זינגט דער „מֶלֶך” און נעמט אַ קאַרטאָפּלי און טונקט זי איין אין זאַלצוואַסער— באֶלהֵיהֶם וְלֹא הָרַג, מלכה נעם אַ קאַרטאָפּלי, אֶת בְּכוֹרֵיהֶם, מיט זאַלצוואַסער,—דיינו! ביי איטליכען, „דַיינוּ” טהוט ער זיך אַ זעץ מיט׳ן קולאַק אין האַרצען אַריין ווי צו „עַל־חֵטְא”... אִלוּ הָרַג, טונק איין די קאַרטאָפּלי, אֶת בְּכוֹרֵיהֶם אין זאַלצוואַסער וְלֹא נָתַן געב נאר. מַלְכָּה, לָנוּ אֶת מָמוֹנָם אקארטאפלי דער מאַמען,—דיינו!... (אַ זעץ אין האַרצען אַריין).

די „מלכה" טהוט אַלסדינג וואָס דער „מלך" הייסט איהר, פערפעהלט ניט קיין האָר, און אַז עס קומט צו „זֵכֶר לְמִקְדָשׁ כְּהִלֵל" קלאַפּט ער דאָס אָב אויף דער גיך שוין אין איין גאַנג מיט דער ברכה פונ׳ם אפיקומן, און שאַפט די מלכה זאָל דערלאַנגען די קוואָרט מיט דער פאָמעניצע, וועט ער זיך וואַשען. געוואַשען זיך, טהוט ער אַ זעץ מיט דער האַנד איבער אַלע דריי מצות, צעטרישטשעט זיי אויף שטיקליך, מאַכט אַ מוֹציא און גיט דער מלכה אַ שטיקיל מצה אויף אַ מוציא און אויך דער אַלטער מוטער אַ מוציא. די אַלטע וואָס האַלט די גאַנצע צייט אַ פרום פנים, נעמט דאָס שטיקיל מצה מיט צוויי פינגער ווי אַ אֶבן טוב, טראָגט דאָס צו פריהער צו די ווייסע בולמעס, גלייך ווי זי זעהט עפּיס, שעפּטשעט בשעת מעשה מיט די ליפען „גאָט בָּרוּךְ הוּא וּבָרוּךְ שְׁמוֹ" לאַנג-לאַנג איידער זי עקספּעדירט דאָס אין מויל אַריין.

— מלכה, די פיש! — לאָזט אַרויס דער „מלך" אַ בעפעהל און עס ווערט אין איין כהרף עין בעשאַפען פיש אויפ׳ן טיש.

— מלכה, הריין! — הערט זיך אַ נייער בעפעהל פונ׳ם מלך, און ביידע „מלכה׳ס" זיצען מיט גרויס רעשפּעקט און וואַרטען, וואָס נאָך אַ בעפעהל וועט אַרויסגעהען פונ׳ם „מלך"...?

אַז וואוהל איז דעם מענשען, וואָס קאָן זיך שאַפען, וואָס זיינע ווערטער האָבען אַ ממשות, וואָס זיין בעפעהל ווערט אָנגענומען און וואָס אַלע זיינע קאַפּריזען — ווערען אין דער מינוט אויסגעפיהרט...

ס׳איז גוט צו זיין אַ „מלך", ווי איך בין אַ יוד!...

פירטער טייל.

דֶער מֶלֶך אין גָלוּת.

מיר בעטען דעם לעזער ער זאָל זיך מטריח זיין מיט אונז נאָך אַ מאָל אינ'ם אייגענעם קעלער שוין נאָך פסח. אויס טראָן, אויס מלוכה, אויס „מלך"! מלך דער שוסטער זיצט ביים „וואַרסטאַק" אויף אַ רימען ביינקעלי מיט אַ רימענעם פאַרטוך מיט אַ רימענדיל אַרומ־גענומען די נעגרייזעלטע פאַטלע, דער קאַשקעט איז צעקנייטשט, דער שאַרף איז צעמריפעט, נישטאָ קיין זילבערנע קייט, מע זעהט ניט קיין סיגנעט. ער האַלט אַ שטיוועל איבערגעקעהרט מיט דער פּאַ־דעשווע אַרויף און שלאָגט פלעקליך. מלכה אָבגעריסען, אויסגעשמירט און פערשלומפערט, פּאָרעט זיך ביים אויווען, בייגט זיך אָן אַלע מינוט, בלאָזט און בלאָזט מיט אַלע כּחות—אין אויווען וויל ניט ברענען.

—אַ שענער ברויט־געבער! זאָגט זי גלייך ווי זי רעדט צו זיך אַליין—קיין שייטעל האָלץ נישטאָ אין שטוב! שוין באַלד אַ יאָהר נאָך דער התונה, צעריסען אַלע קליידליך, דער בורנוס צעפּאַלען אויף שטיקליך, קיין פּאָר שיך אויף די פיס, אַלע שיפּטערס געהען באָר־וועס.—נישטאָ ווער ס'זאָל לאַכען.

—געהן וואָלט ער ביי מיר אויף אַלע פּיער!—רופט זיך אָב אַ משונה מאָרנע זאַמדיג קול פון אַ נקבה וואָס רעדט ווי אַ מאַנסביל. ווי אַזוי דער מענש נעמט זיך פיר, אַזוי העלפט איהם גאָט. וואָס הערסט דו איהם, דו נאַרישער פנים? הייס איהם ער זאָל אַוועקלייגען די אַרבייט און זאָל דיר מאַכען אַ פּאָר באָטיקעס זאָל ער דיר מאַכען. בעוויז איהם, אַז דו האָסט אויך אַ שטיקעל דעה!

דאָס דאָזיגע קול געהט פון אַ פינסטער ווינקעל. דאָרט זיצט

די אַלטע אָנגעטהון אין שוואַרצען, איינגעבויגען אין דרייען, זעהט אויס פון דער וייטען ווי אַ שוואַרצער קנויל, בלינדערהייט אַרבייט זי אַ זאָק און די דריטליך לויפען ביי איהר אונטער די פינגער מיט אַ שרעקליך מהירות.

— אַ רוח זיצט אין דער אַלטער — קלעהרט זיך מלך, ענטפערט איהר ניט דאָס אַנדערע וואָרט און שלאָגט פלעקליך.

— נאָט בָּרוּךְ הוּא וּבָרוּךְ שְׁמוֹ האָט מיר געשענקט אַ מַתָּנָה אויף דער עלטער, אַ געניידעם אַ דערקוויקעניש — רעדט ווייטער די בלינדע אויף איהר זאַמדיגע־שטימע און די דריטליך פליהען ביי איהר אונטער די הענט — געננג ער איז אַ שוסטער איז ער נאָך אַ פוילער יונגאַטש און אַ שלים מזל דערצו.

— אַ ניט־גוטער! — טראַכט זיך מלך, ענטפערט איהר ניט דאָס אַנדערע וואָרט און שלאָגט פלעקליך.

— ווי גייציג ער איז געווען בהור ווייז! זיך גערדעהט אופ'ן קאָרעק, צוגעזאָגט גילדענע בערג, גענומען אַ ווייביל, אַ יונגס, אַ שענס, בלוט און מילך, זי אַלט געמאַכט, פערהויסט, פערפינסטערט, אויסגענאַרט דעם אָנבייסען. —

— אַ קליפה! — טראַכט זיך מלך, ענטפערט איהר ניט דאָס אַנדערע וואָרט און שלאָגט פלעקליך.

— שען אויסגעשפּיעלט די טאָכטער מיינע! פוילער הערינג פערשטונקענע פיש! אַ מאַן אַ שוסטער, אַ קבצן אַ וויסטער, אַ פוילער יונג, אַ שטומע צונג, אַ צעגויפגעוואַכסענע נאַז און סע פּייפט...

— מְכַשֵׁפָה'טֶע!!! — האָט זיך אַרויסגעריסען ביי מלך'ן פונ'ם מויל. ער האָט זיך אויסגעהאַפּט פונ'ם ביינקיל ווי איין אָבגעבריהטער, אין איין האַנד האָט ער געהאַלטען דעם שטיוועל. אין דער אַנדערער דעם האַמער וואָס ער האָט געשלאָגען מיט איהם פלעקליך און האָט נישט

געוואוסט, וואָס זאל ער איהר וואַרפען אין קאָפּ אַריין: דעם שטיוועל, צי דעם האַמער?

די בלינדע האָט דערפיהלט, אַז דער שונא שטעהט איהר אַקעגען און וויל זי דורס זיין, האָט זי זיך אין איין אויגענבליק אויפגע־האַפּט פונ'ם אָרט און פונ'ם שוואַרצען קנויל איז מיט אַ מאָל אויס־געוואַכסען אַ הויכער שוואַרצער שטן.— זי האָט אויסגעצויגען צוויי שוואַרצע דאַרע הענד ווי שטעקליך מיט אויסגעבויגענע פינגער ווי ביי אַ צעבייזערטען האָהן, דעם קאָפּ האָט זי פערוואָרפען אַרונטער און די צוויי ווייסע בולמעס זענען מיט אַ מאָל עפּיס ווי גרעסער געוואָרען און האָבען זיך אָנגעהויבען קוקען און זעהען. די נאָז האָט זיך אויס־געצויגען, די ביינער פון די געקנייטשטע באַקען האָבען אַרוים גע־סטירטשעט, דאָס מויל האָט זיך אויפגעעפענט ווי אַ קבר.—

אויב ס'איז פאַראַן ערגיץ אויף דער וועלט אַ מכשפה, קאָן זי דאָך מיר שרעקליכער ניט זיין ווי די בלינדע איז געווען אין דער מינוט.

מלך איז געבליבען אָבהענדיג, ער האָט נור אויסגעשפּיגען און האָט זיך געזעצט צום וואַרסטאַק— שלאָגען פלעקליך...

עֶרֶב פֶּסַח האָבען זיי ביידע זיך ווידער געשטעלט אין פּאָדראַד ביי די מצות. מלכה האָט געקאַטשעט און מלך האָט גערעדעלט. פערדיענט עטליכע קערבליך, האָבען אויסגעקליידט זיך לכבוד יום טוב און אויך דער בלינדער מאַמען געמאַכט אַ נייע „פלאַטיע", אַ שוואַרצע מיט געלע פלעקען, אין אַ פּעטשיילע אַ געלע מיט שוואַרצע פלעקען. אַז ס'איז געקומען צום סדר איז דער „מלך" ווידער געזעסען אויבען אָן אויפ'ן טראָן און „געפּראַוועט". נעבען איהם איז געזעסען די „מלכה" אָנגעטהון יום טוב'דיג, און אַקעגען זיי— די אַלטע מוטער ווי אַ שוואַרצער שטן, מיט אַ פרום פנים „גאָט בָּרוּךְ הוּא וּבָרוּךְ שְׁמוֹ"... דער „מלך" רייבט די הגדה גאַנץ געשמאַק הויך אויף אַ קול, מישט איין בלעטיל נאָכ'ן אַנדערען, געהט גלייך ווי אַ פּאָטשטאָווע פערד, זעצט

עברי ווי אַ באָנדאַר, אַבי מיט אַ ניגון, שלאָגט זיך בײַ די „דײַנוס" אין האַרצען אַרײַן, ווי צו „על חטא" — פונקט דאָס אײגענע וואָס פֿאַראַיאָהרען אין דער צײַט...

— מלכּה, די פֿיש! לאָזט אַרויס דער „מלך" אַ בעפֿעהל.

— מלכּה, חריין! הערט זיך אַ נײַער בעפֿעהל פֿונ'ם „מלך". בײדע „מלכּה'ס" זיצען מיט גרויס רעשפּעקט און וואַרטען, וואָס נאָך פֿאַר אַ בעפֿעהל וועט אַרויסגעהן פֿונ'ם „מלך"...

יאָ ס'איז גוט צו זײַן אַ „מלך", ווי איך בין אַ ייד... כאָטש אײנמאָל אין יאָהר, כאָטש אויף אײן האַלבע שעה!...

כאָטש אַ שלימזל אַ „מלך". און — דאָך אַ „מלך"!...

רשימת ספרי „האור".

א) ספרי למוד:

(מאושרים ע"י ועד המיניסטריום לשמוש בבתי ספר וחדרים) ק'

1) ראשית דעת. למוד הקריאה והכתיבה העברית. מאת מ. קרינסקי 30
2) הדבור העברי. חלק א. הספר הראשון אחר „האלף־בית". מאת הנ"ל . . 50
3) הדבור העברי. חלק ב. תריסתומתיה מלבבת ודקדוק מסודר. הנ"ל . . . 70
4) הדבור העברי. חלק ג. כנ"ל, (לשנות הלמודים השלישית והרביעית) . . . 1,10
5) תורה לתינוקות, ספר בראשית. הפנים מסודר לרוח הילדים ונדפס באותיות גדולות ובסמני הקריאה. הרבה ציורים יפים. באור המלים והענין. לקוטים נבחרים מפירוש רש"י ופנינים מדברי אגדה. שאלות לשנון ותכניות לחנוכים שבכתב. מאת הנ"ל . . 60
6) אור תורה. חריסתומתיה ביבלית ותלמודית עם שיחות מלבבות בשפת עבר . . 40
7) מוסר היהדות. כנ"ל עם תרגום ז'רגוני 40
8) דת ישראל. ספר א' למוד הדת והמוסר עם תרגום רוסי. מאת הנ"ל 45
9) דת ישראל ספר ב'. כנ"ל. (שני הספרים האלה מאושרים גם בעד בתי הספר הבינונים). 45
10) בית הספר לתורת הכתיבה העברית. בשתי סריות. ד' מחברות בכל סריה. כל חוברת 5
11) בית הספר לתורת הכתיבה הרוסית. כתב אלכסוני ב13 חוברות, מחיר כל אחת 6
12) בית הספר לתורת הכתיבה הרוסית. כתב ישר ב10 חוברות, מחיר כ"א . . 6

ב) ביבליותיקה „שעשועים" (ספרי מקרא לילדים).

1) בן הפריץ, אגדת עם. ע"פ מ. ז. פיארברג 5
2) הגאון מוילנה. תולדותיו וחייו. י. שף 5
3) השבועה. ספור. בן אליעזר 5
4) הגליונות הארומים. ספור. יעקב שטיינבערג 5
5) המלך הגאה. אגדה. דרושביטש. תרגום ל. סוקולוב 5
6) הנשיקה. ספור. הנער הגנב. פואימה. יעקב שטינברג. 5
7—8) שירי ילדים. ז. שניאור 10
9) חוה היפה. ספור. ה. ד. נומברג 5
10) הנאהבים והנעימים. ספור. ש. אש 5

ג) ספרי מקרא לבני הנעורים:

(מצטינים בתכנם הפיוטי ובסגנונם הרענן).

1) פיליטוני הרצל. תרגום ד. פרישמאן 30
2) קבץ ספורים. מאת ש. אש 35
3) קבץ ספורים. מאת ה. ד. נומברג. 30
4) קבץ ספורים. מאת א. רייזען 35

ד) לגדולים:

1) הדור. שנה שניה. בהוזלת המחיר מן 8 רו"כ לשני רו"כ. (פוקרש 45 קאפ). 2,00
2) באורים והערות לתורה נביאים וכתובים. מאת מ. ליפשיץ. 1,00

Издат. „ГАОРЪ", Варшава, Долгая 11

Verlag „HAOR" Warschau Długa 11

וויכטיג פאר אָווענד-שולען

עס איז ערשיענען פון דרוק

דער יידיש-לעהרער

פון מ. קרינסקי.

ערשטער טייל.

פיערטע אויסגעבעססערטע אויסגאבע

פיבעל פאלשטענדיגער קורס צום ערלערנען לעזען און שרייבען יידיש און העברעאיש, מיט פיעל אילוסטראציעס.

חרעסטאָמאַטיע פיעל ערצעהלונגען, בעשרייבונגען און לידער פון די בעסטע יידישע שריפטשטעללער, און נאָטען.

בריעפענשטעללער מוסטערן פון אללערליי בריעף, וואָס ווערען אָפט בענוצט אין לעבען.

פרייז 40 קאָפּ'. פּאָרטאָ 8 קאָפּ.

פאר אבאָנענטען פון „ראַטאַ-צייטונג" פריי פּאָרטאָ.

פערלאג „ביכער-פאר-אללע", ווארשע, דלוגע 11.—טעלעפאן 87-80

ליטעראַטור־וויסענשאַפט.

אין צוויי טייל

פֿערפֿאַסט פֿון א. ב. ראזענשטיין, רעדאַגירט דורך מ. קרינסקי.

די ליטעראַטור־וויסענשאַפט גיעט אַ פֿאָלקאָמענעם בעגריף וועגען די אַלגעמיינע ליטעראַטור בכלל און יידישע בפֿרט. זי בעטראַכט יעדע ליטעראַטור־פֿאָרם בעזונדער און ערקלערט איהר בעגריף און אינהאַלט, לויט די פֿערשידענע מוסטערן פֿון די בעסטע יידישע שריפֿטשטעלער.

די ליטעראַטור־וויסענשאַפֿט איז דעריבער אונגעהויער נוצליך פֿאַר יעדען, וואָס וויל זיך בעקענען מיט דער שענער ליטעראַטור אין אַרע איהרע פֿאָרמען, כדי צו זיין אימשטאַנד זעלבסטשטענדיג אָבצושעצען דעם ווערט פֿון יעדען ליטעראַרישען ווערק.

די ליטעראַטור־וויסענשאַפֿט איז געשריבען אין אַ לייכטער אַנציהענדער שפּראַך און ענטהאַלט אַ גאַנצע זאַמלונג ווערק פֿון די בעסטע יידישע שריפֿטשטעלער.

די ליטעראַטור־וויסענשאַפט קאָן דעריבער דיענען אי אַלס לעזע־בוך, אי אַלס לעהר־בוך אין שוהל און היים צום אויסלערנען שרייבען מיט אַ ריינעם, גוטען ליטעראַרישען סטיל.

פֿאָרלויפֿיג איז אַרויס פֿון דרוק דער ערשטער טייל.

פרייז 40 קאָפּ. פּאָרטאָ 8 קאָפּ.

☞ די אַבאָנענטען פֿון „ראָמאַנצייטונג", וועלכע שרייבען אויס דורעקט פֿון רעדאַקציע, האָבען פּרייז פּאָרטאָ.

עס דרוקט זיך און איז ניכען
וועט ערשיינען דער צווייטער טייל.

פֿערלאַג „ביכער־פֿאַר־אַלע" וואַרשע, דלוגע 11.

טעלעפֿאָן 87־90.